# דברי חיזוק מרביה"ק זי"ע

**25** מינוט (פון 93) **זייער קלאָר** ★★★★★

מען קען הערן די רעקאָרדינג אויף **לשון קדשו צענטראלע נומער: 929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקאָרדינג:** דרוק **#1**, דערנאך נומער **901**

מען קען אויך הערן די רעקאָרדינגס אויף אוצר קול יהודה: **ניו יארק** 718-298-4641 **ארץ ישראל** 072-3333419

**דרוקט נומער** ← 1127 ← 6 ← 16

## קטעים מתוך ס"ג פרשת תזריע-החודש תשכ"ז

• מעלת חודש ניסן • סגולת עונג שבת להציל מחבלי משיח • צפית לישועה •

# קושיות ודיוקים בפרשת תזריע

**א**

קושיא ד

**אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת.**

**ד) די גמרא זאָגט** (בראשית רבה מב, ג. ועי' מגילה י:) **אין "וְהָיָה" אלא לשון שמחה.** [ויש להבין בכאן] **לשמחה מה זו עושה, וואָס איז דען די שמחה** [בנגעים, שאמר הכתוב] **"וְהָיָה" בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת.**

**ב**

קושיא ה

לאָמיר זען. נאָך א **מדרש** איז דאָ (ויקרא רבה טו, ד), **מָשָׁל, א מַטְרְנוּתָא איז געקומען לְפַּלְטִין שֶׁל מֶלֶךְ, האָט זי געזען מְגַלְבִיָּא תלוי, די מַקְלוֹת וואָס מ'שלאָגט די עוֹבְרִים עַל הַדָּת, דְחִילַת, האָט זי זיך געשראָקן, אמר לה, האָט ער** [המלך] **איר געזאָגט אַל תיראו, אלו לעבדים ולשפחות, אבל אתה דו קומסט אַריין בפלטין של מלך. כך כששמעו ישראל פרשת נגעים נתייראו, אמר להם אל תתייראו, אלו לאומות העולם, אבל אתם לאכול ולשתות ולשמוח.**

**ה) ס'איז דאָך א פלא, - זיי ברענגען דאָך אַלע דעם מדרש, - וואָס הייסט עפּעס אלו לאומות העולם, ביי די אומות העולם איז דאָך נישטאָ די פרשה פון נגעים, בפירוש האָט די תורה הקדושה מְמַעֵט געווען** [אז] **עכו"ם איז נישט מְטַמֵּא בנגעים.**

**און וואָס איז דער אויסדרוק "לאכול ולשתות ולשמוח", וואָס** [איז עס] **עפּעס דָּבָר וְהִפּוּכוֹ, פון נגעים קומט ער אויס אויף לאכול ולשתות ולשמוח.**

**ג**

קושיא ו

**נאָך איז דאָ א מדרש צום סוף, אין מדרש רבה** (שם, ט), **און אין תנחומא** (סימן יא), **שְׂאֵת זה בָּבֶל, סַפַּחַת זה מָדַי,** [בַּהֶרֶת זו יָוָן], **רעכנט ער אויס אַלע אומות, צום סוף זאָגט ער וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת זה אֱדוֹם. הקדוש ברוך הוא מַלְקֶה אותו, אז לעתיד**

KolSatmar.com

הקדוש ברוך הוא מביא צרעת, רעכנט ער אויס רחמנא ליצלן ס'וועט זיין דאָרט אֲבַדּוֹן וועט זיין דער צרעת.

ו) לכאורה נעמט מען דאָך אַרויס דעם פסוק אינגאַנצן פונעם פְּשַׁט, דאָס איז דאָך הֲלָכוֹת, שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת, מ'לערנט דאָך אַרויס פון יעדן וואָרט הלכות עמוקות, נגעים ואהלות, נעם איך עס אַרויס אינגאַנצן פונעם פְּשַׁט אז ס'איז גאָר די אומות, שאת מיט ספחת מיט בהרת, ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש.

ד

# קושיות ודיוקים בפרשת החודש

קושיא ט

ט) לאָמיר זען, מ'האָב מיר דאָ היינט געליינט די פרשה פון החודש, **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

ער הייבט אָן [בפסוק], עפּעס צוויי מאָל די זעלבע, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

ה

# ישוב הקושיות בפרשת החודש

הקדמה לישוב קושיא ט

נאָר וואָס ס'קען נאָך זיין אין דעם "לָכֶם" על פי פַּשְׁטוּת.

לעולם די גמרא זאָגט דאָך (ביצה טו:) ס'שטייט יום טוב איז חֶצְיוֹ לַה' און חֶצְיוֹ לָכֶם, **לָכֶם** [מיינט] **להנאתכם ולטובתכם**, [כמו שדרשו בפסוק] לֵךְ לְךָ [מֵאַרְצְךָ], להנאתך ולטובתך, יעדער "לָכֶם" דאָס ווייזט אויף יום טוב, ס'איז א יום טוב **שמור לטובתם.**

ו

דער **רמב"ם** זאָגט אין **סוף הלכות מלכים**[א], **לא נִתְאַוּוּ החכמים לימות המשיח**, נישט פאַר דעם האָבן זיי געגלוסט אויף ימות המשיח, אז מ'זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן ממשלת האומות, אָדער אז מ'זאָל זיין א מושל אויף די אומות, אָדער **לאכול ולשתות ולשמוח**, אָדער רעכנט ער אַנדערע זאַכן וועגן כְּבוֹדָן, נאָך אַזעלעכע זאַכן. - ניין, נישט וועגן דעם, נאָר וועגן דעם ווייל דעמאָלטס וועט **תִּתְרַבֶּה הַדֵּעַת**, ס'וועט זיין מְנוּחָה און שַׁלְוָה, וְהַמַּעֲדַנִּים יִרְבּוּ כֶּעָפָר, מ'וועט נישט האָבן קיין שום דאגה, **תִּתְרַבֶּה הַדֵּעַת** און מ'וועט וויסן מ'וועט מַשִּׂיג זיין אין די **תורה הקדושה** אַלע **דברים נסתרים**, מ'וועט משיג זיין **דעם בורא כל עולמים** וועט מען משיג זיין, 'נאָר וועגן דעם' האָט מען געגלוסט, און נישט וועגן דעם [שאר הדברים הנזכרים לעיל].

אַזוי זאָגט דער **רמב"ם.**

---

[א] **ברמב"ם** (הלכות מלכים יב, ד-ה) לא נתאוו החכמים והנביאים ימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם, ולא כדי שירדו בעכו"ם, ולא כדי שינשאו אותם העמים, ולא כדי **לאכול ולשתות ולשמוח**, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא וכו'. ובאותו הזמן לא יהיה שם לא רעב ולא מלחמה, ולא קנאה ותחרות, שהטובה תהיה מושפעת הרבה, וכל המעדנים מצויין כעפר, ולא יהיה עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר (ישעי' יא, ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים.

KolSatmar.com

ז

לכאורה דאָס איז דען שלעכטע זאַכן, מ'זאָל אַראָפּוואַרפן ממשלת האומות?.

– [וכן מה שכתב הרמב"ם ולא כדי לאכול ולשתות ולשמוח], ווייסט מען נישט וואָס ער מיינט, מילא אַן אַנדערס מאָל [בזמן הגלות] קאָן מען אויך לאכול ולשתות.

נאָר אפשר מיינט ער אז ס'וועט זיין א יום טוב, מ'וועט זיך פרייען אַזוי ווי יעדן יום טוב. –

[אָבער עכ"פ] לכאורה וואָס איז דען דאָס שלעכט, פאַרוואָס דען נישט?

ח

קען זיין ער מיינט אָבער, ווייל דער עיקר איז "דאָס", אָבער ער זאָגט נישט אז מ'זאָל נישט קלערן וועגן דעם, אַזוי ווי ער זאָגט איבעראָל [בכל המצות] (תשובה י, ה. ובפירוש המשניות סנהדרין י, א), [וכגון] ביי תורה שלא לשמה, דער עיקר איז לשמה, נאָר ווייל ס'הייבט זיך אַזוי אָן.

ט

נאָר קען זיין אַזוי.

דער אמת, אין ישועת ישראל איז דאָך צוויי זאַכן דערינען:

דאס ערשטע איז יְשׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, אידן וועלן ניצול ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה, וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה, ס'וועט זיך אויפהערן [כל צרות ישראל שישנם בזמן הזה].

אידן האָבן דאָך אַזעלעכע צובראָכענע הערצער אָן א שִׁעוּר אָן אַן עֶרֶךְ, יעדער איז צובראָכן, כָּל לֵבָב דַּוָּי וְכָל רֹאשׁ לָחֳלִי.

און אז דער בורא עולם וועט העלפן מ'וועלמיר דערלעבן מָשִׁיחַ'ן וועט דאָך אַלעס פאַרהיילט ווערן, ס'וועט זיך אויפהערן אַלע צָרוֹת יִשְׂרָאֵל.

אַלע חוֹלָאִים וועלן נִתְרַפֵּא ווערן אַזוי ווי ביי מתן תורה, ס'וועט זיך אויפהערן, וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד (בחקותי כו, ו), די אַלע נֶחָמוֹת און די אַלע בְּרָכוֹת וואָס די תורה הקדושה האָט געזאָגט אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וועט דאָך זיין נאָך ביאת המשיח, דאָס איז איין זאַך.

און ווידעראום אַמאָל דער עיקר איז, [ס'וועט זיין] דער גרויסער כבוד שמים, תִּתְרַבֶּה הַדֵּעַת, יעדער וועט זיין דָּבוּק אין באַשעפער, וְלֹא יְלַמְּדוּ עוֹד אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ אלא כוּלָּם יֵדְעוּ אֶת ה' לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם (ירמי' לא, לג), די גרויסע ידיעות וואָס מ'וועט האָבן אין אמונת הבורא ברוך הוא, אין השגת התורה, נִגְלוֹת מיט נִסְתָּרוֹת.

און דער עיקר נאָך מער, דער גרויסער כְּבוֹד שָׁמַיִם, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ (זכרי' יד, ט), ס'וועט זיין יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, די אַלע זאַכן דאָס ליגט דאָך אין דעם, אַלעס איז דאָך נכלל אין ביאת המשיח.

י

דער אמת, מ'איז מִשְׁתּוֹקֵק אויף ביאת המשיח, איז דאָך דער אמת אז די טבע אנושיות.

ווי דער נועם אלימלך זאָגט אין פרשת שמות, ווען ס'זאָל זיין א צדיק וואָס זאָל גאָרנישט מיינען ניטאַמאָל טובת ישראל נאָר דעם כבוד שמים, העט ער געברענגט משיח'ן, נאָר וואָס דען ס'איז נישט מעגליך צו ליידן, כי בשר אנחנו.

KolSatmar.com

**יא**

ס'איז אפילו א חידוש, כ'האָב אַמאָל געזאָגט[ב] וואָס דער **זיידע זכרונו לברכה** [הישמח משה] האָט אַמאָל געזאָגט בפירוש - כ'וועל נישט איבער'חַזֶר'ן - אז ער ברויך נישט גאָרנישט, ס'איז ידוע, איך האָב עס געהערט פון א זקן **אחד** וואָס ער איז געשטאַנען דערביי, - דער **זיידע זכרונו לברכה** [הייטב לב] אין רב טוב (פרשת מטות) ברענגט עס אויכעט, - ער [הישמח משה] האָט געזאָגט אין הושענא רבה, "אפשר מיינט מען אז ער מיינט זיך", האָט ער געזאָגט דער ישמח משה, "ער איז אויף זיך מקבל - ער באַשטייט [=שמסכים] - ער זאָל פאַרפאַלן ווערן אין שאול תחתית, ער זאָל נישט זען קיין אור מעולם, ער זאָל גאָרנישט זען, 'נאָר' ס'זאָל זיין "יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה", ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט, נאָר ער איז מקבל אַלעס.

ס'איז נישט צו פאַרשטיין מיטן אנושיות וויאַזוי ס'איז א מציאות א בשר ודם זאָל זיין ביי דער בחינה, און ער האָט דאָך אודאי נישט געזאָגט אַזאַ זאַך וואָס ער איז נישט געוועזן דערביי.

על כל פנים איז דאָך דאָס צוויי זאַכן.

**יב**

[והנה] דער **זיידע זכרונו לברכה** זאָגט אין **ייטב פנים** (לסוכות אות ו'), [בביאור הפסוק] **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן** (אמור כג, מ).

[דהנה] דער רמב"ם זאָגט (תשובה י, ה) **כשמחנכים את הקטנים, מתחילת העבודה**, זאָגט מען זיי צו פאַר שְׂכַר, שְׂכַר מיט יִרְאַת הָעֹנֶשׁ. אָבער מ'דאַרף נישט בלייבן ביי דעם, ס'איז נאָר צו געוויינען [זיי] צו דער עבודה, אָבער שפּעטער ברויך מען צו דינען דעם אייבירשטען און ליב האָבן די תורה והאמת **בשביל שהוא אמת**, נישט וועגן שְׂכַר און וועגן עֹנֶשׁ.

מיט דעם זאָגט ער [הייטב פנים], "לָכֶם" איז דאָך טייטש להנאתכם ולטובתכם, [ואמר הכתוב] **וּלְקַחְתֶּם "לָכֶם"**, דעס וואָס איר זאָלט מיינען לכם ולטובתכם, דאָס איז נאָר **בַּיּוֹם "הָרִאשׁוֹן"**, די 'ערשטע' עבודה ברויך אַזוי זיין, אָבער 'שפּעטער' ברויך דאָס נישט צו זיין.

אַזוי זאָגט דער **זיידע זכרונו לברכה** אין **ייטב פנים**.

הגם דער "לכם" ביי סוכות דַרְשֶ'ן איך דאָך אויף אַסאַך אַנדערע דרשות, אָבער מקרא אחד יוצא לכמה טעמים, ס'איז נכלל אין דעם [גם פירוש זה].

**יג**

**ישוב קושיא ט וקושיא יא**

קאָן זיין אין די צוויי לָכֶם'ס וואָס ס'איז דאָ דאָ ביי **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, איין "לָכֶם" קומט אויף דעם, "להנאתכם ולטובתכם".

**דער חודש דאַרף מען האָפן צום באַשעפער** [על הגאולה], **ס'איז א חֹדֶשׁ הַשִּׂמְחָה.**

וואָרן לעולם איז דאָס אויך א רצון הבורא ברוך הוא [הנאת וטובת ישראל], **צרתן של ישראל** [איז דאך] **בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר** (ישעי' סג, ט), **הקדוש ברוך הוא אַליין קוקט דאָך אַרויס אַז אידן זאָלן ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.**

---

[ב] עיין בס"ג מטות מסעי תשי"ג ותשט"ז.

KolSatmar.com

[וכמו שמצינו] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר אברהם אבינו'ן לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ **להנאתך ולטובתך**, ער [אברהם] וואָלט אודאי געטון אַזוי אויכעט [ציווי ה', אף בלא הבטחה זו], דער **אור החיים הקדוש** טייטשט דאָך אַזוי, [וַיֵּלֶךְ אַבְרָם] כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה', כאָטשיג [שהובטח] להנאתך, [אבער דאך] ער האָט נאָר געטון **כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה'**. [אבער] פונדעסטוועגן האָט מען אים געזאָגט פריער דאָס אויך, מ'זאָל וויסן אז דאָס איז להנאתך.

דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט **דער חודש איז נישט פשוט: ס'איז א חודש הגאולה. ס'איז א חֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת.**

לעולם איז עס אַלעמאָל א **חודש מסוגל בתמידיות**, [אבער] דער עיקר איז [אַז] ס'איז מסוגל צו דער גאולה, ס'איז דער חודש הגאולה.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט [הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם"], דער חודש דאָס איז להנאתך ולטובתך. **דאָס איז מסוגל פאַר יעדן איד ער זאָל ניצול ווערן מִכָּל צָרָתוֹ.** און פאַר'ן כלל ישראל [אַז] מ'זאָל אויסגעלייזט ווערן, מ'זאָל האָבן די רעכטע ישועה, די ימי השמחה, דאָס איז דער "לָכֶם".

**יד**

איבערדעם זאָגט ער "רִאשׁוֹן" הוּא לָכֶם, ווייל דאָס דאַרף נאָר זיין אין "אָנהייב". אָבער דער עיקר ברויך מען צוקומען צו דער בחינה וואָס דער רמב"ם זאָגט, מ'זאָל דאָס אויך נישט מיינען, מ'זאָל מיינען דעם חודש הגאולה אויף דעם גרויסן **כְּבוֹד שָׁמַיִם** און די גרויסע **הַשְׁפָּעַת הַדַּעַת**, דעם **דַעַת אֱמֶת** וואָס א איד דאַרף צו האָבן צו די **תורה הקדושה** און צו **עבודות ה' ברוך הוא.**

**טו**

אָבער אף על פי כן, אין תוקף הגלות איז מען דאָך נישט דערביי, קען מען שווער זיין דערביי, בעוונינו הרבים מ'איז דאָך זייער נתרחק.

**אָבער דאָס אַליין, דעס הִשְׁתּוֹקְקוּת צו דער ישועה, צִפִּיתָ לִישׁוּעָה** (שבת לא.), **דאָס** אַליין, אפילו וועגן דעם [הוא חשוב מאוד].

**טז**

כאָטשיג דער רמב"ם זאָגט לא נתאוו החכמים, [אבל הכוונה כין] **די עכטע "חכמים"** האָבן טאַקע נישט [נתאוו לזה], זיי זענען געוועזן דערביי, אָבער [פאר] **סְתָם בְּנֵי אָדָם איז** "דאָס" אויך גוט, מ'זאָל מִשְׁתּוֹקֵק זיין וועגן "דעם", וועגן 'דער' אמונה אז דעמאָלטס וועט זיין **כל מיני ישועות טובות**, ישועות בו מקיפות.

**יז**

אָבער שפּעטער ווען מ'וועט שוין זוכה זיין מ'וועט דערלעבן מָשִׁיחַ'ן, וועט זיין די גרויסע **הַשְׁפָּעַת הַדַּעַת**, ס'וועט קומען משה רבינו, משה ואהרן און דער מלך המשיח, מיטן גאַנצן דור המדבר, די גרויסע **השפעה אלקות** וואָס ס'וועט זיין, [וממילא] 'דערנאָך' וועט יעדער זיין "דערביי", וועט דאָס שוין גאָרנישט זיין קיין חשבון [עניני הנאתכם וטובתכם], מ'וועט זיך גאָרנישט פרייען [עם ישועות הגשמיות, נאר] מ'וועט זיך פרייען דער עיקר מיט **ישועת ציון** נאָר, נישט מיט דעם.

KolSatmar.com

יח

## ביאור הפסוקים בשיר המעלות בשוב ה' את שיבת ציון

איך האָב געקלערט, דאָס איז דער פְּשַׁט אפשר אין פסוק (תהלים קכו, א-ג), **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה, אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה, הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים.**

לכאורה וואָס זאָגט ער דאָ, ער זאָגט דאָך אין פסוק אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, אונז וועלמיר זיך אויך פרייען, די אומות וועלן זאָגן הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים מ'העט מיר געוועזן פרייליך, נו אידן זענען דאָך אויך פרייליך, אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.

יט

נאָר דאָס איז דער פְּשַׁט, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת "בְּשׁוּב ה' אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן" אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ, מ'וועט זיין פרייליך מיט "שִׁיבַת צִיּוֹן" [דהיינו השכינה הקדושה], נישט מיט דער אייגענער [ישועה].

און די אומות העולם וועלן זאָגן, הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת עִם "אֵלֶּה", איך הער גאָרנישט זיי זאָלן זיך פרייען אויף וואָס מ'האָט מיט "זיי אַליין" געטון זייער גרויס, מ'האָט דאָך זיי גרויס געמאַכט, מ'האָט "זיי אַליין געטון" אַזויפיל טובות, [וואלמלי] הִגְדִּיל ה' לַעֲשׂוֹת "עִמָּנוּ", ווען ס'העט פאַר 'אונז' אַזוי געוועזן, "הָיִינוּ" שְׂמֵחִים, העט מען זיך געפרייט מיט "אונזערע" טובות, מיט "אונזערע" ישועות, מ'העט מיר זיך נישט געפרייט מיט "שִׁיבַת צִיּוֹן", ווען ס'זאָל ביי אונז געשען.

וועלן זיי זיך וואונדערן, וואָרן אידן וועלן זיין ביי דער בחינה אז מ'וועט 'דאָס' אויך נישט מיינען, טאַקע נאָר, נאָר נאָר מ'וועט זיך פרייען מיט "שִׁיבַת צִיּוֹן".

כ

אָבער דער אמת איז, ווילאַנג מ'האַלט נישט דערביי, [איז] שווער אז מ'קאָן זיין דערביי, אָבער איידער 'פאַר' ביאת המשיח בעוונינו הרבים מ'איז אַזוי נִתְגַּשֵּׁם, אֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ, ס'איז נישטאָ ווער [זאָל אויפהייבן לבבות ישראל], אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים, דעס גרויסע **שִׁפְלוּת** מיט דעם גרויסן נידעריגקייט, מיט דעם **חוּלְשַׁת הַהַשָּׂגָה**, על כל פנים ביז דערווייל דאַרף מען וויסן כאָטש [אַזויפיל אז] ס'איז "לָכֶם" להנאתכם ולטובתכם, ס'איז פאַר 'ענק', פאַר'ן כלל ישראל איז עס א חֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת.

כא

מ'האָף מיר דער בורא כל עולמים זאָל זיך מְרַחֵם מ'זאָל מיר זוכה זיין צו דערלעבן.

**ס'איז א מציאות נאָך אין דעם ניסן זאָל זיין די ישועה שלימה.**

מ'זאָל מיר די זכיה האָבן מ'זאָל מיר דאָס דערלעבן צו זען, מ'זאָל מיר זיין פון די געהאָלפענע, צו זיין פונעם כלל ישראל וואָס זיי וועלן דאָס דערלעבן, וואָס זיי וועלן זוכה זיין דאָס צו זען.

השם יתברך ירחם מ'זאָל מיר זיין פון די, [און] ס'זאָל נאָך זיין אין דעם ניסן.

KolSatmar.com

כב

## ישוב הקושיות בפרשת תזריע

על כל פנים לאָמיר צוריק קומען [לישוב הדיוקים בפרשת תזריע].

דער אהל יעקב אין פרשת תצוה (ד"ה ועשית בגדי, ביריעות האוהל) האָט ער דאָרט אין אריכות.

ער זאָגט, ווי הָמָן האָט מלשין געווען [על ישראל מלמטה, כדאיתא] אין תרגום שני (ג' ח'), [ובאסת"ר ז, ב] שטייט אז דער מלאך מיכאל האָט געזאָגט, [רבונו של עולם] ער איז נישט מלשין אז זיי דינען די עבודה זרה, [אדער אנדערע] עבירות, נאָר ער רעכנט אויס זיי זאָגן **אוכלים ושותים ואומרים שבת היום**, און אַזעלעכע זאַכן, מ'טוט מִצְוֹת.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט לא אשבק כ'וועל זיי נישט לאָזן, כ'וועל ענטפערן למען שמך הגדול [הה"ד (שמו"א יב, כב) כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל].

זאָגט ער אַזוי, דעס מלשינות [של השטן שהיה כמו דברי הָמָן] איז נישט געווען חלילה אויף עבירות, חלילה איז נישט גוט, [ולכאורה קשה דא"כ מה היה הקטרוג שמתענגים בשבת].

נאָר וואָס דען [שהקטרוג היה אַז] זיי טוען שלא לשמה, דעם עונג שבת זיי מיינען טאַקע נאָר 'דאָס' [לענג את עצמם], מ'מיינט נישט דעם "שַׁבָּת", דאָס האָט ער מלשין געווען.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, וועל איך אויך טוהן [כמוהם], איך וועל מיינען לְמַעַן שְׁמִי, אַזוי העט איך גיווען געטון.

דער מדרש זאָגט דאָך (ילקוט תהלים רמז תתנ) ווען אידן זענען זַכָּאִין טוט מען למען ישראל ולמען נחלתו, ווען זענען נישט זכאין איז לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט וועל איך 'נאָר' טוהן לְמַעֲנִי, [ווייל] ס'איז א גרויסער חילוק, אַזוי [כשנעשה בזכות ישראל] איז עס אויף אַן אַנדערן אופן, ווערן מער ניצול. אָבער על כל פנים די ישועה וועט קומען אפילו אז מ'מיינט נישט אפילו דאָס נאָר דעם עונג שבת.

כג

הקדמה לישוב קושיא ה-ו

וועל מיר צוקומען צו דעם מדרש וואָס זיי האָבן זיך געשראָקן [כששמעו פרשת נגעים, ואמר להם] אלו לאומות העולם.

דאָ לעולם איז א חידוש, לכאורה איז שווער (קושיא ו) דער מדרש רעכנט אויס טייטשט ער אויס דעם גאַנצן פסוק אויף די אומות.

כד

נאָר דער אמת איז אַזוי, ס'שטייט אין **תנא דבי אליהו סוף פרק י"ג**, עתיד הקדוש ברוך הוא ללמוד תורה עם הצדיקים ועם ישראל, ער לערנט אַרויס פון א פסוק (ישעי' לג) ס'שטייט הקדוש ברוך הוא ממרחקים, די תורה הקדושה מיינט מען מַרְחַקִּים, פאַרוואָס, ווייל די תורה הקדושה איז ניתנה געווען פאַר די תתקע"ד דורות פון בריאת העולם, תתקע"ד דורות דערפריער שקומטו, וואָס זיי זענען נישט אַראָפּגעקומען (כמבואר בחגיגה יג:), און די תורה הקדושה איז נאָך פריער געווען, די תורה הקדושה קומט ממרחקים, פונדערווייטנס, פון פריער, 'פאַר' אַלעמען. דער בורא כל

KolSatmar.com

עולמים וועט לערנען מיט אידן, מ'וועט זיי זאָגן על הטהור במקומו, ועל הטמא במקומו.

זאָגט דער **זיקוקין** [דנורא] וואָס הייסט דאָס עפּעס "במקומו", [אבל הכוונה] פונעם מקור, די סודות התורה, יעדעס [ענין] האָט א מקור על פי סוד, די תורה הקדושה פונעם מקור, אז מ'קוקט אָן 'דאָרטן', טרעפט מען פאַרשטייט מען סודן של דברים.

[דלפשוטו קשה] וואָס עפּעס טהור 'במקומו' און טמא 'במקומו', דעס פלאַץ דער מקום איז גורם? [אמנם] ער מיינט נאָר אז מ'וועט קוקן [בשורש כל ענין], דער בורא כל עולמים וועט מיט אידן לערנען במקומו, במקומו איז דאָך טאַקע דעס פלאַץ איז דאָך געוועזן נאָך פון פריער, איבערדעם איז רעכט דער ממרחקים, פון פריער, איז אַלעס איין מקור.

**כה**

**ישוב קושיא ה-ו**

היצט לאָמיר'זשע זען, דאָס קאָן זיין די צוויי מדרשים (בקושיא ה-ו), די מדרשים (בקושיא ה-ו).

[דלכאורה פשטות הכתוב הוא] אַלעס הלכות הלכות, כסדר, און דאָ שטייט אין די מדרשים אז דאָ מיינט מען אדום און נאָכאַמאָל אדום, שאת או ספחת די אומות.

[נאר] דער אמת די אַלע נגעים דאָס האָט א מקור, נאָר ס'שטייט אין די תורה הקדושה וויאַזוי דאָס קומט [אַן למטה], יעדעס קומט אויף אַן אַנדערן אופן, [אבל] ס'איז איין מקור, איבערדעם די ביידע מדרשים קענען זיין אמת [עם הפשט], אלו ואלו דברי אלקים חיים, מ'מוז דאָך אייביג וויסן, ס'איז א כלל גדול אלו ואלו דברי אלקים חיים, נו וויאַזוי איז דאָס, [נאר] דאָס האָט איין מקור.

**כו**

**נאָר פאַר אידן קומט עס אַראָפּ מיט אַן הַמְתָּקָה, פאַר אידן קומט עס אַראָפּ נאָר לְאַיֵּם, מ'זאָל תשובה טוהן, וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ** (ויקרא יד, ג).

און פאַר אומות העולם ווען ס'וועט אַראָפּקומען, וועט עס אַראָפּקומען מיט א תֹּקֶף וָעֹז, נישט לְאַיֵּם, נאָר מ'זאָל זיי מַעֲנִישׁ זיין.

**כז**

וואָרן ביי אידן נוצט דאָך אפילו מחמת יראה [אז] ער טוט תשובה, אפילו מתוך שלא לשמה, אַזוי שטייט דאָך. די **גמרא** זאָגט ביי שלא לשמה כאן בישראל כאן בעכו"ם, אַזוי זאָגט דאָך די גמרא אין **ראש השנה** (ד.), ווייל א גוי איז קוֹרֵא תִּגָּר, איבערדעם איז נישט פאַרהאַנדן על ידי כְּפִיָּה.

ווי דער **ישמח משה** ברענגט עס אַסאַך מאָל (פרשת במדבר ופרשת פינחס ועוד) וואָס דער **רמב"ם** זאָגט (גירושין ב, כ) ביי גט מעושה, בישראל איז פאַרהאַנדן על ידי כפיה מיינט ער שוין ערנסט, און ביי די אומות העולם איז דאָס נישטאָ. אין **ייטב לב** איז דאָ אַסאַך [פלעגער וואו ער] באַדינט זיך מיט דער הקדמה.

**כח**

פאַר אידן קומען אַראָפּ די נגעים [בזמן הגלות, אבער] מיט אַן הַמְתָּקָה, און אויף 'זיי' לאָזט מען די צייט [עד שתתמלא סאתם].

KolSatmar.com

אָבער ווען ס'וועט קומען, ווען ס'וועט נתמלא סאתם ווערן און ס'וועט אַראָפּקומען דער עונש, וועט עס זיין ביטערע עונשים, די אַלע מכות, וועט דאָס זיין ביטערע עונשים.

און אידן וועלן תשובה טון מיט דעם וואָס מ'וועט זען אויף די אומות, מיט דעם וועט מען זיך 'פרייען'.

### כט
### ישוב קושיא ז

דער בורא כל עולמים וועט מְטַהֵר זיין פונעם מקור אויס, אז ס'זאָל נישט קומען, [ווייל] היצט קומט דאָס פון איין מקור. [ובזה מיושב קושיא ז, דלכן אמר דלעתיד הקב"ה מטהר אתכם, ולא הכהן].

### ל
### סיום ישוב קושיא ו

איבערדעם קאָן זיין די בײדע קאָנען שטיין אין איין פסוק [הדרש והפשט], די בײדע שטייען אין איין פסוק ווארן דאָס קומט פון איין פלאַץ, נאָר וואָס דען פאַר אידן איז עס אַזוי [עם המְתָּקָה], איז עס מקושר מיט די תורה הקדושה, מיט די אַלע הלכות, און ס'איז נישט מיט אַזאַ שטאַרקע בחינה.

### לא
### המשך ישוב קושיא ה – בביאור הלשון לאכול ולשתות ולשמוח

מ'זעט דער **רבינו בחיי** (סוף פרשת מקץ) **ברענגט דעם מדרש** (פרקי היכלות פ"ה), [מה שמיועד] פאַר אדום'ן, – [אצל הענין שמעתיק שם מה שהיה] ביי די עשרה הרוגי מלכות, – וויאַזוי די נגעים וועלן אויסזען [אצל אדום], השם ישמרינו, ס'איז עפּעס פַּחַד נוֹרָא, פַּחַד פְּחָדִים, ווי ער רעכנט אויס די גרויסע צרות פון די נגעים וואָס ס'וועט אויף זיי קומען [לעתיד], אויף אֱדוֹם'ן און אויפן שַׂר, אויף אַלע אינאייינעם.

אַזוי ברענגט ער דער **רבינו בחיי**[ג].

### לב

איבערדעם קאָן זיין, דער בורא כל עולמים האָט געוויזן אידן, דער בורא כל עולמים האָט גערעדט מיט אידן, האָבן זיי אויך געהאַט ידיעות, א דור דיעה מיט משה רבינו'ן, האָט מען געזען אַביסל דעם מקור, נישט אינגאַנצן אַזוי ווי לעתיד, אָבער על כל פנים האָבן זיי געזען [געננוג], האָבן זיי אַביסל משיג געווען טהור 'במקומו', דעם מקור האָבן זיי געזען ס'איז זייער ביטער.

---

[ג] וז"ל הרבינו בחיי שם: אמר רבי ישמעאל, כל ההתראות הללו וכל התנאין הללו התרו בו והתנו עם ס"מ הרשע, והוא אמר קבלתי עלי, ויבחר עשרה מאבירי ישראל. אמר רבי ישמעאל מה עשה ה' אלקי ישראל באותה שעה, לא הספיק לומר לסופר כתוב גזירות ומכות גדולות קשות ועזות ומבוהלות ונוראות וכבדות על רומי, מפני חימה שנתמלא על ס"מ הרשע שקבל עליו כל התנאים הללו, אלא מיד נטל נייר וכתב עליו: נקמה זו עתידה ושמורה לרומי הרשעה, תעלה ענן אחד ותעמוד למעלה מרומי ששה חדשים, וירד שחין לח על האדם ועל הבהמה ועל הכסף ועל הזהב ועל הפירות וכל מיני מתכות, ואחרי כן תעלה ענן אחרת ותדחה את חברתה, ותעמוד במקומה ששה חדשים אחרים, וירד נגע צרעת וספחת ובהרת וכל מיני נגעים על רומי הרשעה, עד שתבוא שעה שיאמר אדם לחבירו הילך רומי הרשעה בפרוטה היא וכל אשר בה, ויאמר לו אינה מתבקשת לי, עד כאן בפרקי היכלות, [הוא ספר היכלות ובו שלשים פרקים מעניני מעשה מרכבה ועוד, מהתנא רבי ישמעאל כהן גדול].

ועיין בהקדמת הקונטרס על הגאולה ועל התמורה שמביא דברי הרבינו בחיי, ומאריך רבינו בזה איך שהשטן מוסר עצמו להביא את בני אדם לחירוף וגידוף ח"ו, אף שמביא על עצמו צער גדול.

KolSatmar.com

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט זיי זאָלן זיך נישט פאַרכטן פון דעם מקור אויס אַזוי שטאַרק [פון] וואָס זיי זען, [ווייל] **דאָס וועט נאָר קומען אויף די אומות העולם ווען ס'וועט קומען די צייט, אָבער אויף אידן איז דאָס אויף אַן אַנדערן אופן, וועט דאָס קומען אַנדערש, וואָרן ביי אידן קומט עס נאָר** [לאיים עליהם ולייראם שישובו], **וואָרן ס'נוצט אז מ'טוט תשובה** [אפילו] **מחמת יראה.**

**לג**

[ובזה יתבאר] דעס וואָס ער זאָגט [אבל אַתֶּם] **לאכול לשתות ולשמוח.**

[דהנה העונשים והנגעים על אומות העולם] דעס וועט דאָך קומען שפּעטער, ביי מלחמת גוג ומגוג, אין יענע צייטן וועט דאָס קומען.

[און] ס'שטייט אין די גמרא (שבת קיח.) **כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול מחבלו של משיח וממלחמת גוג ומגוג, אז מ'עסט בִּקְדוּשָׁה וְטַהֲרָה שלש סעודות בשבת ווערט מען ניצול, ווען פאַר 'זיי' וועט קומען די גרויסע צרות.**

**איז די עֵצָה דערפון** [לאכול ולשתות ולשמוח בסעודות שבת].

**לד**

**איך פלעג צו טייטשן** (עיין ס"ג מטות מסעי תשי"ג) **כל המענג את השבת נותנים לו נחלה "בלי מצרים"** (שבת שם).

**וואָרן די ישועה פאַר אידן איז פון די 'צרות' פון די "בֵּין הַמְּצָרִים"**, [דעל ידי צער של ימי המצרים זוכין לכפרה].

[וכן מצינו בפסוק] **תַּם ונשלם עֲוֹנֵךְ** [בַּת צִיּוֹן] (איכה ד, כב), [דאיתא במדרש (איכ"ר ד, כה) דעל ידי הצער של חורבן בית המקדש נתכפרה עוונותיהם של ישראל].

[אבער כשמענג את השבת] **דעס איז מציל, מיט דעם עונג שבת דאַרף מען נישט האָבן קיין "בין המצרים".**

[ולזה אמרו] **כל המענג את השבת נותנים לו "נַחֲלָה"** [זו ירושלים], **"בלי מצרים".**

**לה**

**על כל פנים זאָגט ער, דעס וואָס עטס זעטס דאָ אַזאַ שטאַרקן מקור** [של תוקף הדין למעלה במקום שמשם באים הנגעים], **דאָס וועט נאָר קומען לאומות העולם, און פאַר עטס לאכול לשתות ולשמוח איז אין "שבת".**

**אז מ'איז מקיים די שלש סעודות בשבת, מיט דעם אַליין וועט עטס ניצול ווערן מחבלו של משיח וממלחמת גוג ומגוג.**

**לו**

**ביאור הלשון לאכול ולשתות ולשמוח (באופן שני)**

און דער אמת, איך האָב געזאָגט דאס פאָריגע מאָל (בס"ג זכור תשכ"ז), **וואָס די גמרא זאָגט** (סנהדרין צט.) **ביי ר' אבהו'ן, דער מין האָט אים געפרעגט "ווען וועט קומען משיח", האָט ער געזאָגט "ווען ס'וועט קומען אויף זיי חושך", האָט ער געפרעגט "דו שעלטס מיך"? האָט ער געזאָגט "ס'איז דאָך א פסוק",** [כי החושך יכסה ארץ] **וערפל לאומים ועליך כבוד אלקים זרח** (ישעי' ס, ב), **ס'שטייט אין פסוק אַזוי, ווען אויף 'זיי' וועט קומען דאס חשכות, דעמאָלטס וועט קומען די ישועה אויף 'אידן'.**

לז

[ולפי זה] קאָן זיין אפשר דער **לאכול לשתות ולשמוח** איז נאָך 'עפּעס טיפער' אויכעט.

וואָרן די גמרא זאָגט דאָך (בבא בתרא עה.) עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות סעודה לצדיקים, דער יפה תואר זאָגט אז מ'מוז גלייבן על פי פשטות, ס'וועט זיין א סעודה, מיט אכילה ושתיה.

אויף וואָס פאַר א אופן דאָס וועט אויסזען, [צי בבחינת] וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹקִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ (משפטים כד, יא), [צי] אויף וואָס פאַר א בחינה, דאָס פאַרשטיי מיר דאָך נישט. [נאר] קאָן זיין [גם] על פי פשוט, [און] קאָן זיין אַזוי ווי דער מָן, אויף דער בחינה, דאָס ווייסט מען נישט.

לח

על כל פנים דאָס קאָן זיין מיינט ער אויך [בלשון] **לאכול**, דעמאָלטס ווען אויף זיי וועט קומען די אַלע צרות, די נגעים, וועט ביי אידן זיין **לאכול לשתות ולשמוח** [בהסעודה שעתיד הקב"ה לעשות לצדיקים].

לט

ביאור הלשון לאכול ולשתות ולשמוח (באופן שני) - ובו גם ישוב קושיא יב

אָבער עקסטערדעם, ביי אידן קען זיין **מתוך שלא לשמה בא לשמה**, [ולכן] ביי יעדן שבת האָט מען מתיר געווען **לאכול לשתות ולשמוח**, אַזוי ווי כ'האָב געזאָגט [בביאור לשון] "לכם".

מ

ישוב קושיא ג

איז "והיה", ווען ס'איז אויף אדום, דעמאָלטס וועט זיין א שמחה פאַר אידן, איבערדעם שטייט "והיה" לשון שמחה, ווען ס'וועט קומען אויף די אומות העולם, ווי די **גמרא** זאָגט, רבי אבהו האָט געזאָגט ווען ס'וועט אויף זיי קומען דאס חשכות דעמאָלטס וועט זיין א ישועה פאַר אידן, דער **וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת** זאָגט דאָך דער מדרש דאָס איז אדום, און ווען ס'וועט קומען אויף אדום די מכות און די נגעים דעמאָלטס וועט זיין "והיה", וועט זיין א שמחה פאַר אידן, **לאכול ולשתות ולשמוח**, אַזוי ווי ס'וועט זיין דעמאָלטס דערנאָך.

מא

נאָר אידן וועלן "דאָס" [את התענוג הגשמי] נישט מיינען דעמאָלטס אויך נישט, אידן וועלן מיינען דעם גרויסן **דַּעַת לַה'** און דעם גרויסן **כְּבוֹד שָׁמַיִם** וואָס ס'וועט זיין.

מב

אָבער על כל פנים דאָס אַלעס איז הא בהא תליא, די אַלע זאַכן וועלן זיין אינאיינעם, איבערדעם איז דאָס מסוגל, איבערדעם איז דאָס תלוי אין דעם, ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן.

KolSatmar.com

מג

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע:

מ'זאָל מיר זוכה זיין טאַקע ס'זאָל זיין **דער אֱמֶת'דיגער הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וגו' רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם**, ווי דער פסוק האָט דאָ אויסגערעכנט, אויף דעמאָלטס און אויף לעתיד, ראשון הוא לכם לחדשי השנה, דאָס איז א **חודש של שמחה**.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע אין ניסן זאָל עס זיין [בחודש זה, ולא שנמתין עוד עד חודש אחר באופן שיצטרך להחליף את הזמנים באמצע השנה להתהוות ניסן, וכדברי הנזר הקודש (כמובא לעיל בהדרוש, בחלק שלא העתקנו פה)].

מ'זאָל מיר זוכה זיין ס'זאָל טאַקע זיין "הזה", **החודש "הזה" לכם ראש חדשים**, ס'איז שוין דורך געגאַנגען בעוה"ר אַסאַך ניסן'ס און ס'איז שוין געוועזן די העכסטע צייט, ס'איז שוין אודאי די העכסטע צייט, ס'זאָל היצט טאַקע זיין שוין **החודש "הזה"**, אז 'דער' חודש זאָל עס זיין, 'דאָס' זאָל עס זיין טאַקע דער רעכטער חודש, אויף דעם האָפט מען.

מ'זאָל מיר במהרה געהאָלפן ווערן, מ'זאָל מיר זוכה זיין צו **די שמחה אמיתית, בקדושה ובטהרה**.

ביז דערווייל זאָל מיר זוכה זיין מ'זאָל מיר טון **תשובה שלימה** פאַר'ן בורא כל עולמים.

מ'זאָל מקבל זיין פני משיח צדקינו **בנחת ובשמחה, בקדושה ובטהרה, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן**.

KolSatmar.com